*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרקי אבות

---

פרקי אבות - פרק ד
פרשת אמור, ספירת העומר
פסח שני + ל"ג בעומר
לקראת הקייץ
ענייני משיח


פרק ראשון
פרק שני
פרק שלישי
פרק רביעי
פרק חמישי
פרק שישי


---

### פרק רביעי

---

אין פערטן פרק פון אבות זאגט די משנה: שלשה כתרים הן, כתר תורה וכתר כהונה וכתר מלכות, וכתר שם טוב עולה על גביהן. פרעגן אויף דעם, די מפרשים: פארוואס רעכנט ער ניט "כתר שם טוב" מיט די אנדערע כתרים, און ער זאגט ניט "ארבעה" כתרים הן?

אויך דארף מען פארשטיין:

וואס איז אזוי גרויס די מעלה פון א גוטען נאמען, ביז עס איז גרעסער פון כתר תורה, כתר כהונה און כתר מלכות? תורה, כהונה און מלכות זיינען דאך אמת'ע מעלות, מה שאין כן כתר שם טוב איז דאך לכאורה נאר אן אויסערליכער זאך. און עס קען אמאל זיין אז מען האט א גוטען נאמען און מען האט ניט די אמת'ע מעלות. איז ווי קען זיין, אז כתר שם טוב זאל זיין גרעסער פון כתר תורה, כהונה און מלכות?

אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון "עולה על גביהן". עס האט געדארפט שטיין "למעלה מכולם", אז דער כתר שם טוב איז גרעסער פון די אנדערע כתרים, וואס מיינט "עולה על גביהן" - אויף די אנדערע כתרים?

דער ביאור אין דעם: ווען איז כתר שם טוב א מעלה? ווען ער איז "על גביהן", ווען עס קומט *נאך* די פריערדיגע דריי כתרים. "שם טוב" אליין איז גארניט אזא מעלה, ווי געזאגט פריער אז דאס איז א אויסערליכער זאך. נאר ווען ער איז "עולה על גביהן" פון די אמת'ע מעלות איז עס א גרויסע מעלה.

דעריבער רעכנט מען ניט "כתר שם טוב" פאר א פערטע מעלה, ווייל פאר זיך אליין איז עס ניט קיין גרויסע מעלה. בשעת אבער עס זיינען דא די דריי כתרים פון תורה, כהונה און מלכות, און נאך זיי - "על גביהן" - קומט דער "כתר שם טוב", דאן איז ער "עולה", ער איז נאך העכער פון די דריי כתרים אליין.

(לקו"ש ח"ד ע' 1214)

---

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"]

*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרשת אמור, ספירת העומר

---

### אמור, ספירת העומר (א)

פונקט ווי מען דארף זיך לערנען פון דער פרשת השבוע, אזוי אויך דארף מען זיך לערנען פון א גאנצע תקופה. אזוי ווי די תורה פון דעם אלטען רבי'ן: מען דארף לעבן מיט דער צייט.

איינע פון די לימודים פון ספירת העומר איז:

די מצוה פון ספירת העומר איז צו ציילן די טעג, צו ציילן צייט. לכאורה האט ניט קיין ארט צו ציילן צייט. ציילן ציילט מען א זאך וואס קען זיין אדער מער אדער ווייניגער, אדער מ'קען פארלירן אדער ס'קען צוקומען. ביי אזא זאך ציילט מען צו זען וויפיל מען האט, צי האט מען פארלוירן צי עס איז צוגעקומען.

אבער ביי ספירת העומר וואס איז דא צו ציילן? מען קען ניט פארלירן א טאג, עס קען ניט צוקומען א טאג, עס קען ניט זיין מער אדער ווייניגער. עס זיינען אלעמאל פאראן דער זעלבען צאל פון טעג. איז פארוואס ציילט מען די טעג?

נאר ציילן די טעג באווייזט אויף די חביבות פון די טעג. א זאך וואס מען האט זייער ליב ציילט מען איבער און איבער, כאטש מען ווייס וויפיל מען האט.

אין די טעג פון ספירת העומר מאכט מען יעדן טאג א ברכה. יעדן טאג איז א נייע מצוה, כאטש אז דאס איז לכאורה די זעלבע מצוה וואס איז געווען נעכטן און וועט זיין מארגן. פונדעסטוועגן פילט מען יעדן טאג אז היינט האט מען א נייע מצוה און א נייע ברכה.

דער לימוד פון דעם איז: מען דארף וויסן די *טייערקייט פון צייט*. מען האט די ברירה: אדער עס קען זיין א טאג וואס האט ניט קיין שייכות מיט "קדשנו במצוותיו וצונו". אדער עס קען זיין אזא טאג וואס אין דעם טאג טוט מען א מצוה. און ניט נאר אז מ'טוט א מצוה, נאר דעם דערמאנען זיך אז ס'איז אזא טאג (ציילן דעם טאג), מיט דעם אליין ווערט "קדשנו". און אוודאי אז מען טוט נאך די עבודה פון די טעג פון ספירת העומר, די עבודה פון תיקון המדות, איז זיכער ווערט דער טאג א "הייליקער" טאג.

מען דארף מייקר זיין (האלטן טייער) און וויסן די טייערקייט פון צייט.
(לקו"ש ח"ז ע' 279)

### אמור, ספירת העומר (ב)

וואס קען מען זיך אפלערנען פון ספירת העומר?

ספירה אין לה תשלומין. אויב מען האט איינמאל פארפעלט צו ציילן ספירה קען מען דאס ניט משלים זיין. עס ווערט בטל דער גאנצער ספירת העומר, און דערפאר מאכט מען מארגן ניט קיין ברכה.

דער טעם פארוואס ספירה אין לה תשלומין, איז ווייל ספירת העומר איז אזוי ווי די מצוה פון תלמוד תורה. לערנען תורה אין לה תשלומין, אויב מען האט היינט ניט געלערנט קען מען מארגן ניט משלים זיין, ווייל מארגן דארף ער לערנען צוליב מארגן אליין.

ווען קען מען משלים זיין? ווען עס איז אזוי ווי שבועות. שבועות האט תשלומין. אויב איינער האט נאך ניט געבראכט דעם קרבן אויף יום טוב, קען ער דאס ברענגען אין די טעג פון תשלומין, ווייל אין יענע טעג איז מען ניט מחוייב ברענגען א קרבן.

אנדערש איז אבער תלמוד תורה. יעדער טאג און יעדער מינוט איז מען מחוייב צו לערנען. קען מען ניט משלים זיין ווייל שפעטער איז מען סיי ווי מחוייב צו לערנען.

אזוי איז אויך ביי ספירת העומר, וויבאלד אז מען דארף ציילן יעדן טאג, פאסט ניט צו משלים זיין ווייל מארגן דארף מען ציילן פאר דעם מארגנדיקן טאג.

די עבודה רוחניות פון ספירת העומר איז צו מתקן זיין די מדות. די עבודה האט אויך ניט קיין תשלומין. יעדער טאג האט איר עבודה. דער מארגנדיקן טאג דארף זיין העכער פון דעם היינטיגן טאג. יעדן טאג דארף מען וואקסן אין רוחניות און טאן מערער און העכער ווי נעכטן. אזוי ווי ר' גרשון בער פלעגט זאגן יעדער נאכט: מארגן דארף מען אויפשטיין גאר אן אנדערער.

וויבאלד אז יעדער טאג דארף מען טאן די עבודה פון יענעם טאג, קען מען ניט משלים זיין די נעכטיגע עבודה. עס איז ניט דא קיין צייט פאר די נעכטיגע ארבעט. היינט האט מען פרישע ארבעט.

מען דארף אויסנוצן יעדן טאג און יעדער מינוט. תלמוד תורה און די רוחניות'דיקע עבודה פון תיקון המדות האבן ניט קיין תשלומין. מען קען ניט אפלייגן אויף שפעטער אדער מארגן. מען דארף אויסנוצן יעדן מינוט.

(לקוטי שיחות ח"ח ע' 254)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"

*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פסח שני, ל"ג בעומר

---

### פסח שני, ל"ג בעומר

רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט "יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין". אין די צייטן פון רשב"י האט זיך ניט באוויזן קיין קשת - רעגנבויגן. דער טעם איז: דער קשת באווייזט זיך ווען די וועלט פארדינט ר"ל אז דער אויבערשטער זאל ברייגנען א מבול און אויסמעקן די וועלט. דעמאלסט באווייזט זיך דער קשת און דערמאנט דעם אויבערשטן זיין שבועה אז ער וועט מער ניט ברייגנען קיין מבול אויף דער וועלט. אין די צייטן פון רשב"י איז ניט געווען נויטיג קיין קשת, ווייל דער זכות פון רשב"י האט מגין געווען אויף דער וועלט.

מיט דעם פארשטייט מען רשב"י'ס שיטה ביי פסח שני:

אויב אלע אידן זיינען געווען טמאים למת ביים ערשטן פסח, האבן זיי פונדעסטוועגן מקריב געווען דעם קרבן פסח. אבער אויב זיי זיינען טמא מיט אנדערע טומאות, איז א מחלוקת פון רבי יהודה און רבי שמעון (בן יוחאי). רבי יהודה האלט אז זיי האבן מקריב געווען דעם קרבן פסח אויף יד אייר, פסח שני. רבי שמעון האלט אז זיי האבן ניט מקריב געווען פסח שני ווייל "אין צבור בפסח שני" (מען קען ניט אפשטופן א צבור - אפילו א רוב צבור - צו פסח שני).

דארף מען פארשטיין:

אויב דער צבור האט ניט געקענט מקריב זיין ניט אין פסח ראשון און אויך ניט אין פסח שני, וואס פאר א טובה איז עס פאר זיי? דאס איז דאך געווען די טענה פון די טמאים, צו משה רבינו, "למה נגרע", פארוואס זאלן מיר פארלירן די מצוה פון מקריב זיין דעם קרבן פסח.

מוז מען זאגן אז לויט רבי שמעון בן יוחאי האט ניט געקענט אויסקומען אזא פאל אז דער גאנצער צבור זאל זיין טמא מיט אנדערע טומאות, און זאל ניט קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח אין פסח ראשון .

מיר געפינען נאך אזעלכע דינים אין דער תורה וועלכע "לא הי' ולא נברא", אזוי ווי א בן סורר ומורה און עיר הנדחת. אזוי ווי רשב"י האט געטראכט וועגן העלפן אלע אידן, ווי ער האט געזאגט "יכול אני לפטור את העולם כולו מן הדין", אזוי איז אויך לויט עם דער צבור פארהיט אזא שרעקליכן צופאל אז דער צבור קען ניט מקריב זיין פסח ראשון.

(משיחת פסח שני תשמ"ג)

---

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"]

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## לקראת הקייץ

(א גאנץ יאר לערנען תלמידים אין ישיבה, אבער זומער צייט פארט מען אין קאנטרי און קעמפס, און מען האט דארטן די געלעגענהייט צו משפיע זיין אויף דער סביבה. דאס זעלבע איז מיט די וועלכע בלייבן אין דעי קעמפ, טרעפן זיי זיך מיט אנדערע קינדער).

יעדער איד אין וועלכן ארט ער זאל זיך ניט געפינען - וואס וואו נאר א איד קומט, איז דאך מה' מצעדי גבר כוננו - איז ער א שליח פון אויבערשטן צו מאכן פון דעם ארט ארץ ישראל [א "אידישע" שטיקל ערד און א אידישע סביבה]. ובפרט אז ער זעט ווי כמה וכמה פון זיינע חברים האבן מצליח געווען אין דער דאזיקער שליחות.

קומט אבער דער יצר הרע און טענה'ט מיט עם אז ביי עם זיינען פאראן ספעציעלע שוועריקייטן, ובמילא קען ער ניט ברייגגען א ראי' פון זיינע חברים וועלכע האבן מצליח געווען אין זייער שליחות. אזוי ווי דער יצר הרע איז דאך אן אומן במלאכתו (אן עקספערט אין זיין ארבעט), געפינט ער פאר יעדן איינעם, טענות וועלכע זיינען צוגעפאסט צו עם.

מיט איינעם טענה'ט ער אז די סביבה אין וועלכע ער געפינט זיך איז ערגער פון אלע אנדערע - "עז העם היושב בארץ וגו'." (דער ארום איז שטארקער פאר עם).

צו א צווייטן זאגט ער אז ער איז ניט ראוי צו אזא הייליגע ארבעט.

צו א דריטן קומט ער מיט א טענה: אז ביז ער וועט צוקומען צו די שליחות אליין, געפינען זיך אויפ'ן וועג זייטיגע מניעות, וועלכע לאזן ניט מאכן דעם ארט פאר א מקום תורה.

אויף דעם קומט די הוראה פון אונזער פרשה [פ' שלח]. כלב האט געזאגט די אידן וועגן משה רבינו: קרע לנו את הים והוריד לנו את המן והגיז לנו את השליו (משה רבינו האט פאר אונז געשפאלטן דעם ים, און געגעבן דעם מן און דעם שליו). מיט דעם האט ער אפגעשלאגן די טענות פון די מרגלים ניט צו גיין אין ארץ ישראל. מיט דאס זעלבע ווערט אויך אפגעשלאגן די טענות פון דעם יצר הרע, ניט צו מאכן פון יעדן ארט, א ארץ ישראל. אז אפילו אין אזעלכע פאלן גיט אלע מאל דער אויבערשטער דעם כח צו דורכברעכן אלע שוועריקייטן און אויספירן זיין שליחות.

(לקו"ש ח"ח ע' 91)

Back to "Leben Mit Der Tzeit"

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## עניני משיח

עס זיינען דא אזעלכע וואס פרעגן: ווי רעדט מען דאס וועגן משיח מיט קינדער?! משיח איז דאך א געהויבענע זאך, ביז אז משיח איז דער מבחר פון מין האנושי, מיט אלע מעלות - איז ווי לאזט מען אראפ אזא געהויבענע זאך צו א קינד, און מ'פארבינדט דעם ענין מיט פרייזען און מיט צאצקעס וכו'?!

איז דער ביאור אויף דעם:

די גאנצע תורה איז דאך געגעבן געווארן צו יעדער איד, און אויך צו א קינד, ווארום "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב".

דאס הייסט אז מ'דארף מחנך זיין א קינד אין אלע ענינים פון תורה ומצוותיה, אודאי געוויס בנוגע צו עיקרי האמונה, וואס עיקרי האמונה זיינען דאך י"ג עיקרים, איז איינע פון זיי - דער עיקר אז "אחכה לו בכל יום שיבוא" (איך וועל פאר איםווארטען יעדן טאג, ער זאל קומען), וואס דאס איז דער ענין פון ביאת המשיח.

און אויב מ'לערנט דאס ניט מיט'ן קינד, איז דאס היפך אן עיקר אין אמונה, היפך התורה!

ער טענה'ט אבער נאך אלץ:

היתכן צו נעמען אזא געהויבענע זאך ווי משיח, און עס פארבינדן מיט פרייזען, צאצקעס, און צוקערקעס, מיט אזעלכע ענינים פשוטים?!

איז דער ביאור בזה:

דער רמב"ם שרייבט אין פירוש המשניות, אז דער חינוך פון א קינד דארף זיין אין אן אופן, אז פריער הויבט מען אים אן מחנך זיין דורך געבן אים ענינים וואס זיינען שייך צו אים, צוקערקעס, כבוד המדומה , ואאז"וו.

וואס דאס איז דער ענין פון "מתוך שלא לשמה בא לשמה", דאס הייסט אז אנהויבן דארף מען מיט "שלא לשמה", מיט ענינים פשוטים.

און כאטש אז מען דארף לערנען תורה לשמה, וואס אפילו דער ענין פון גן עדן און עולם הבא איז נאך אלץ שלא לשמה, ווארום עס דארף זיין אינגאנצן "שלא על מנת לקבל פרס" - איז אבער דערווייליע, כל זמן ער האלט נאך ניט בא דעם לשמה, דארף מען אים מחנך זיין מיט ענינים וואס זיינען שייך צו אים, צי דאס איז פרייזען, אדער געלט, אדער א צוקערקע ואאז"וו.

וואס דערפאר רעדט מען אז מ'זאל מסביר זיין די קינדער דעם ענין פון משיח, און זיי אויך

מסביר זיין אז ווען משיח וועט קומען וועלן זיי האבן א סאך צוקערקעס אאז"וו, וואס דוקא דערמיט קען מען אויף זיי אויפטאן.

וויבאלד אז דער רמב"ם שרייבט אז בשעת משיח וועט קומען וועלן מעדנים זיין "מצויין כעפר" - איז פארשטאנדיק, אז דער אמת איז אזוי, איז ווען מען זאגט א קינד אז ווען משיח וועט קומען וועלן זיין א סאך צוקערקעס, איז עס ניט נאר וואס אזוי זאגט מען אים - נאר אזוי איז דאס טאקע באמת (ס'איז מערניט וואס מ'וועט דעמולט ניט ליגן אין דעם).

און דער אופן החינוך, כדי אז ביי דעם קינד זאל זיין דער "אחכה לו", ער זאל שרייען אז ער וויל האבן משיח'ן - דארף זיין מיט א צוקערקע, און מיט פרייזען אאז"וו, ווארום צו די ענינים האט דער קינד א שייכות, משא"כ צו געהויבענע זאכן.

און וויבאלד אז דאס איז א שליחות פון נשיא דורנו - דארף ער ארויסגיין און זעהן אז יעדער קינד פון דעם דור זאל מקיים זיין תורה און מצוות, און שרייען אז ער וויל משיח'ן.

(משיחת ש"פ תרומה תשמ"א)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"